**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/21/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול גיבט ארויס פראקלאמאציע אפצוצייכענען קלימאט וואך אין ניו יארק סטעיט**

***פראקלאמאציע טוט ווידער-באשטעטיגן ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו לייזן דעם פראבלעם פון קלימאט ענדערונג, דערגרייכן לאנד-וועגווייזיגע קלימאט און ריינע ענערגיע צילן***

***לייענט פראקלאמאציע דא***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע אנאנסירנדיג סעפטעמבער 19-25, 2022 אלס קלימאט וואך אין ניו יארק סטעיט. די אויסמעלדונג טוט ווידער-באשטעטיגן ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו רעדוצירן איר קארבאן באניץ, מאכן קאמיוניטיס מער ווידערשטאנד-פעאיג, און טרייבן שריטן אויף צו לייזן דעם פראבלעם פון קלימאט ענדערונג און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער. קלימאט וואך ווערט אפגעצייכנט אין ניו יארק סיטי יעדעס יאר, מיט היי-יאר אפצייכענענדיג דעם 14׳טן יאר אלס דער גרעסטער אלוועלטליכער צוזאמקונפט פון איר סארט.

״ניו יארק פירט איין דעם לאנד׳ס מערסט אמביציעזן פלאן צו רעדוצירן שעדליכע לופט-פארפעסטונגען וועלכע אפעקטירן אונזער קלימאט און פירן אויף פאראויס א ריינע ענערגיע עקאנאמיע צו גרייכן אונזערע אגרעסיווע צילן אלס טייל פון דעם קלימאט אקט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אונזערע טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען אין באנייבארע און שטאנדהאפטיגע פראיעקטן און אינפראסטרוקטור פארזיכערן אז ניו יארק איז ביים סאמע פארנט פון קלימאט אקציע מיט א פאקוס אויף ענווייראנמענטאלע יוסטיץ צו בענעפיטירן אלע ניו יארקער אויף יארן אינעם צוקונפט.״

לויט די נאציאנאלע אקעאנישע און אטמאספערישע אדמיניסטראציע, ראנקירן די ניין יאר פון 2013 ביז 2021 צווישן די 10 ווארעמסטע יארן אויפ׳ן רעקארד, מיט 2021 זייענדיג דעם זעקס-ווארעמסטן יאר אויפ׳ן רעקארד. שווערע שטורעמעס און פלייצונגען, עקסטרעמע היצן, טריקעניש, און לופט פארפעסטונג האבן געדראעט די געזונטהייט און לעבנס-קוואליטעט פון ניו יארקער, און אונזער אינפראסטרוקטור זעצט פאר ווייטער געדראעט צו ווערן דורך קלימאט-פארבינדענע געפארן, אריינגערעכנט ים-הייעך הייבונג, בארטן פלייצונגען, און אינטענסיווע פרעציפיטאציע פאסירונגען.

אין 2019, האט ניו יארק סטעיט דורכגעפירט דעם לאנד-וועגווייזיגן קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (CLCPA) פאדערנדיג א רעדוקציע אין גאנץ-סטעיט׳יגע שעדליכע לופט-פארפעסטונג מיט 40 פראצענט פון 1990 שטאפלען ביז 2030, און 85 פראצענט ביז 2050, שטעלנדיג דעם סטעיט אויף א וועג צו קארבאן נייטראליטעט. דער 22-מיטגליד ניו יארק סטעיט קלימאט אקציע קאונסיל איז געשאפן געווארן אין איינקלאנג מיט׳ן CLCPA און ארויסגעגעבן א ׳דרעפט סקאָופּינג פלאן׳ נאכצוקומען די שעדליכע לופט-פארפעסטונג באצוימונגען פאר פובליק קאמענטארן און וועלן אויספירן אן ענדגילטיגע סקאָופּינג פלאן ביז ענדע יאר.

ניו יארק סטעיט שטעלט ענווייראנמענטאלע יוסטיץ ביים סאמע פארנט און צענטער מיט אן אנטשלאסנקייט צוצושטעלן אונטערפריווילעגירטע קאמיוניטיס מיט 35 פראצענט, מיט א ציל פון וויניגסטנס 40 פראצענט, פון אלגעמיינע בענעפיטן פון אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע און ענערגיע-גינציגקייט. דער CLCPA שטעלט אויך אוועק די מערסט אגרעסיווע ריינע ענערגיע אגענדע אין דעם לאנד, פאדערנדיג 70 פראצענט באנייבארע ענערגיע ביז 2030, און 100 פראצענט זערא-עמיסיע עלעקטרישע קראפט ביז 2040.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער און מיט-פארזיצער פון דעם סטעיט קלימאט אקציע קאונסיל באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט נעמט דרייסטע שריטן צו רעדוצירן קלימאט-ענדערנדע שעדליכע לופט-פארפעסטונגען, פארבעסערן די געזונטהייט און לעבנס-קוואליטעט פון ניו יארקער, און באשיצן דעם ענווייראָנמענט. די ארבעט פון דעם קלימאט אקציע קאונסיל העלפט זיכער מאכן אז מיר קומען נאך אונזער אגרעסיווע קלימאט צילן אויסגעלייגט אין דעם קלימאט אקט און שטעלן צום ערשט אונטערפריווילעגירטע קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש געווען איבער-באלאדנט דורך קלימאט ענדערונג. אין דעם היי-יעריגן קלימאט וואך, שליסן מיר זיך אן מיר אונזערע ארטיגע, סטעיט און פעדעראלע צוזאמארבעטער אין פאראויס-פירן אונזערע געמיינזאמע צילן פאר א ריינערע, ליכטיגערע צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענטקע און CEO און קלימאט אקציע קאונסיל מיט-פארזיצערין דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״דער היי-יעריגער קלימאט וואך דערמאנט אונז אז ניו יארק איז אייגנארטיג גרייט אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט צו קאפיטאליזירן אויף דעם מאמענט און דירעקט אדרעסירן קלימאט ארויספאדערונגען פאר׳ן טובה פון אלע ניו יארקער. NYSERDA קוקט ארויס אויף אנצוגיין ווייטער מיט איר ארבעט צו רעדוצירן דעם סטעיט׳ס קארבאן באניץ, מאכנדיג אונזערע קאמיוניטיס מער ווידערשטאנד-פעאיג, און דורך דעם קלימאט אקציע קאונסיל׳ס דורכגעטראכטע פלאנירונג און צוזאמארבעט, שאפן נייע געלעגנהייטן פאר צוקונפטיגע דורות בשעת מיר ארבעטן אינאיינעם צו עררייכן אונזער לאנד-וועגווייזיגע קלימאט און ריינע ענערגיע צילן.״

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״עס איז וויכטיג צו נעמען דעם מאמענט במשך קלימאט וואך צו אנערקענען די צוזאמגעארבעטע סטעיט באמיאונג צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס און לינדערן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג. אונטער גאווערנער האוקול, טוט ניו יארק סטעיט זיך טאפלט פארלייגן אירע באמיאונגען צו דעקארבאניזירן דער עקאנאמיע דורך אינוועסטירונגען אין טראנסמיסיע ווידערשטאנד-פעאיגקייט, באנייבארע ענערגיע אויפטרייבונג, עלעקטרישע פארצוג, און ענערגיע-שפארעדיגקייט.״

ניו יארק סטעיט האט איבער 120 סאָלאַר, יבשה-באזירטע ווינט-ענערגיע, און ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן אונטער אנטוויקלונג לענגאויס דעם סטעיט, וועלכע וועלן זיין פעאיג צוצושטעלן איבער 66 פראצענט פון ניו יארק׳ס עלעקטרישע קראפט מיט באנייבארע קוועלער נאכ׳ן פארטיגן. דער סטעיט אינוועסטירט אויך אין די געהעכערטע ווידערשטאנד-פעאיגקייט און פארלעסליכקייט פון דעם טראנסמיסיע סיסטעם דורך דאס אויסארבעטן פילצאליגע הויכע אימפאקט פראיעקטן וועלכע וועלן ערמעגליכן די גינציג-פונקציאנירנדע אריבערפיר פון באנייבארע עלעקטרישע קראפט לענגאויס דעם סטעיט.

אלס א פירער אין די טראנזיציע צו ריינע און באנייבארע ענערגיע, טוט ניו יארק סטעיט אינוועסטירן אין אינאווירנדע טעכנאלאגיעס וועלכע שאפן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט פראגראמען ווי ׳NY-סאָן׳, ׳רי-טשארדזש-NY׳, ׳NY גרין באנק׳, ווי אויך פראגראמען צו העלפן קאמיוניטיס איינפירן ארטיג-באזירטע קלימאט אקציע, אריינגערעכנט גאנץ-סטעיט׳יגע קאמיוניטי

לופט באאבאכטונג איניציאטיוו, ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס פראגראם, ריינע ענערגיע האָבס, ׳בילד-סמארט 2025׳, ׳סמארט סטריט לייטיגג NY׳, ׳אי-וואלוו NY׳, און ׳טשאַרדזש NY׳.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע טראנזיציע מיט יושר און גערעכטיגקייט צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און זעצט פאר ווייטער צו העלפן שאפן א ׳גרינע׳ עקאנאמיע בשעת ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן אריינשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו ערגרייכן איר מאנדאטירטן ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטרישע סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט 70 פראצענט באנייבארע ענערגיע אויפטרייבונג ביז׳ן יאר 2030, און צו דערגרייכן ברייטע קארבאן נייטראליטעט. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אויפצוטרייבן ריינע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 35 ביליאן דאלער אין 120 גרויספארנעמיגע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיעס, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאָלאַר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר ריינע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין ׳NY גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דעם ׳קלימאט אקט׳ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און גלייכצייטיג פארזיכערן אז אמווייניגסטנס 35 פראצענט ,מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן געפירט צו אונטערפריווילעגירטע קאמיוניטיס, און פאראויס-ברענגען פארשריט צום סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-גינציגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-ארטיגע ענערגיע אויסניץ מיט 185 טריליאן BTU׳ס פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418